**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/22/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## **געלט אין אייער קעשענע: גאווערנער האקול הייבט ארויס פארשלאגן צו אראפברענגען קאסטן פון קאר אינשורענס ראטעס און באקעמפן שווינדלערישע קלעימס**

***אונטערנעמען שריט צו באקעמפן שווינדל, באגרעניצן שאדן פארגוטיגונג באצאלט פאר מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם און זיכער מאכן אז פאליסי האלטער, נישט אינשורענס פירמעס, באקומען פריאריטעט***

***פארשלאגן בויען ארויף אויף גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו מאכן ניו יארק סטעיט מער אפאָרדעבעל און צוריק ארייינלייגן געלט אין די קעשענעס פון שווער ארבעטנדע ניו יארקער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט ארויסגעהויבן אירע פארשלאגן צו אראפברענגען קאסטן פון קאר אינשורענס ראטעס און באקעמפן שווינדלערישע קלעימס אריבער ניו יארק סטעיט. די גאווערנער נעמט אונטער שכל'דיגע שריט צו באקעמפן שווינדל, באגרעניצן שאדן פארגוטיגונג ווערנדיג באצאלט פאר מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם און זיכער מאכן אז פאליסי האלטער, נישט אינשורענס פירמעס, באקומען פריאריטעט. די פארשלאגן בויען ארויף אויף גאווערנער Hochul (האקול)'ס אנגייענדע באמיאונגען צו מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל און צוריק ארייינלייגן געלט אין די קעשענעס פון שווער ארבעטנדע ניו יארקער.

"זינט איך בין אריין אין אפיס, זענען מיינע הויפט פריאריטעטן געווען צו מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל און צו באשיצן ניו יארקער — און דערפאר האב איך פארגעשלאגן מאסנאמען צו אראפברענגען קאר אינשורענס קאסטן און באקעמפן שווינדלערישע קלעימס וועלכע טרייבן ארויף די קאסטן פאר יעדן איינעם", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די שכל'דיגע פארשלאגן וועלן נישט נאר פארמערן די אפנקייט פון קאר אינשורענס פאר ניו יארקער, נאר זיי וועלן אויך צוריק ארייינלייגן געלט אין מענטשן'ס קעשענעס, באזונדערס אין א צייט ווען די קאסטן פון לעבן זענען פשוט צו הויעך."

ניו יארקער באצאלן איינס פון די העכסטע קאר אינשורענס ראטעס אין דאס לאנד — דערגרייכנדיג א סך הכל פון עטוואס מער פון $4,000 יערליך אין דורכשניט, נאענט צו $1,500 העכער די נאציאנאלע דורכשניט. קאר אינשורענס ראטעס ווערן ארויפגעטריבן דורך א געמיש פון שווינדלערייען, געריכטליכע פראצעדורן, לעגאלע 'דריידלעך' און שפאלטן אין אינפארסירונג, מיט בדווקא'דיגע עקסידענטן און פארבינדענע אינשורענס שווינדלערייען העכערנדיג יעדן'ס פרימיומס מיט אזויפיל ווי $300 פער יאר אין דורכשניט, לויט טייל שאצונגען.

**זיך באנעמען מיט שווינדלערייען צו אראפנידערן ראטעס פאר טאג-טעגליכע ניו יארקער**
כסדר-מער-סאפיסטיקירטע עלעמענטן שטעלן פאר פאלשע עקסידענטן, אויסגעשטעלט צו ארויסבאקומען ריזיגע סומעס פון אינשורענס פירמעס אדער אין געריכט, און די שווינדלערייען ווערן מער און מער פארשפרייט. אין 2023, זענען געווען 1,729 געפלאנטע קראכן אין ניו יארק סטעיט, וואס שטייט די צווייט-העכסטע אינעם לאנד פאר פעלער פון געפלאנטע שווינדלעריי. אין סך הכל, האבן

אינשורענס פירמעס באריכטעט 38,270 אינצידענטן פון פארדעכטיגטע מאטאר וויהיקעל אינשורענס שווינדלערייען צו די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס ( Department of Financial Services, DFS) אינשורענס שווינדלערייען ביראו (Insurance Frauds Bureau) אין 2023 — א רעקארד הויכע ציפער. דאס איז ארויף פון 24,238 אינצידענטן פון פארדעכטיגטע קאר אינשורענס שווינדלעריי אין 2020, א 58% העכערונג אין דריי יאר. לויט די אינשורענס אינפארמאציע אינסטיטיוט (Insurance Information Institute), טוען געפלאנטע קראכן און פארבינדעטע אינשורענס שווינדלערייען העכערן יעדער איינעמ'ס פרימיומס מיט אזויפיל ווי 300 דאלאר א יאר אין דורכשניט.

צו באקעמפן די ארגאניזירטע קרימינאלע פראוואן, טוט גאווערנער Hochul (האקול) נעמען א צוגאנג וואס נעמט אריין אלע שטאפלען פון רעגירונג צו באקעמפן קאר אינשורענס שווינדלעריי, אריינרעכנענדיג:

- פונדאסניי אויפלעבן די סטעיט'ס קאר גניבה און אינשורענס שווינדל פארמיידונג באורד ( Motor Vehicle Theft and Insurance Fraud Prevention Board), גיבנדיג עס די אויטאריטעט צו בעסער שטיצן די מעגליכקייט צו אויספארשן און ברענגען קלאגעס פאר אינשורענס שווינדל אריבער די סטעיט
- א ביל צו זיכער מאכן אז פראקוראר קענען פארלאנגען קרימינאלע שטראפן קעגן סיי וועלכער מענטש וואס איז פאראנטווארטליך פארן ארגאניזירן א בדווקא'דיגע עקסידענט, נישט נאר דער מענטש וואס איז געזיצן ביים רעדל
- ארבעטן בשותפות מיט דיסטריקט אטוירניס אריבער ניו יארק צו העלפן בויען קעיסעס וועלכע ברענגען אן ענדע צו די ארגאניזירטע שווינדלערייען וועלכע בארויבן ניו יארקער דורך געהעכערטע אינשורענס ראטעס
- פארשטערקערן באמיאונגען זיך צו באגיין מיט מעדיצינישע פראָווײדערס וועלכע נעמען אנטייל אין שווינדלערייען דורכן באשטעטיגן פאלשע מעדיצינישע דיאגנאזעס וועלכע פירן צו ריזיגע אויסגעצאלטע סומעס
- אונטערנעמען שריט ווען ניו יארקע דרייווערס רעגיסטרירן אומלעגאלערהייט זייערע וויהיקעלס אין אנדערע סטעיטס, וואס פארקלענערט פאלשערהייט זייער אייגענע פארלאנגטע אינשורענס דעקונג און העכערט קאסטן פאר געזעץ-אויספאלגנדע ניו יארקע דרייווערס

**פארשטערקערן אנטי-שווינדלעריי פראגראמען ביי אינשורענס פירמעס**

דער יעצטיגער געזעץ באגרעניצט די מעגליכקייט פון אינשורענס פירמעס צו באשיצן זייערע געזעץ-אויספאלגנדע קליענטן קעגן שווינדלעריי און אביוז דורכן באגרעניצן די צייט ווי לאנג זיי האבן צו אידענטיפיצירן און באריכטן פעלער פון שווינדלעריי צו בלויז 30 טעג. כדי צו זיכער מאכן אז שווינדלעריי ווערט אידענטיפיצירט און באשטראפט, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פארלענגערן די צייט וואס אינשורענס פירמעס האבן צו באריכטן שווינדלעריי און אזוי אויך אוועקנעמען שטרויכלונגען וועלכע האלטן אפ פון ארויפברענגען טענות איבער שווינדלעריי אין געריכט, גיבנדיג פאר אינשורענס פירמעס מער צייט צו אויספארשן קלעימס און אויסמיידן דאס באצאלן פאר שווינדלערישע קלעימס. ענדערונגען צו דעם געזעץ וועלן באלאנסירן פארמערטע בויגזאמקייט צו קענען באקעמפן שווינדלעריי פון איין זייט מיט די נויט צו היטן אויף וויכטיגע שוץ מאסנאמען פאר פאליסי האלטער פון די אנדערע זייט.

**באגרעניצן שאדן פארגוטיגונג באצאלונגען פאר מענטשן פארמישט אין אומגעזעצליכע אויפפירונג אין די צייט פון אן עקסידענט**

ווען דרייווער זענען פארמישט אין אומלעגאלע אויפפירונג אין די צייט פונעם אקסידענט, זאלן זיי נישט קענען געווינען קיין גרויסע אינשורענס געלטער. פונדעסטוועגן, ערלויבט דער יעצטיגער געזעץ פאר מענטשן וואס באגייען פארברעכנס, אריינרעכנענדיג שיכור'ע דרייווערס, צו באקומען ברייטע אינשורענס געלטער פאר ווייטאג און לייד און עמאציאנאלע שוועריגקייטן, וועלכע ווערן באצאלט דורך די פרימיומס

וואס ווערן בייגעשטייערט דורך געזעץ-אויספאלגנדע דרייווער. גאווערנער Hochul (האקול) וועט באגרעניצן די באצאלונגען פאר די סארטן נישט-פינאנציעלע שאדנס פאר דרייווערס וועלכע זענען פארמישט אין קרימינאלע אויפפירונג אין די צייט פון די עקסידענט, אריינרעכענענדיג דרייווערס אן אינשורענס, מענטשן באשולדיגט מיטן דרייוון אונטער די איינפלוס פון אלקאהאל/דראגס אין די צייט פון די עקסידענט און מענטשן וועלכע באגייען א 'פעלאני' שטאפל פארברעך (אדער וועלכע אנטלויפן פון איין) אין די צייט פון די אינצידענט.

**באגרעניצן שאדן פארגוטיגונג באצאלונגען פאר מענטשן וואס זענען "מערסטנס" שולדיג פארן פאראורזאכן אן עקסידענט**

ניו יארק איז צווישן א מינאריטעט פון סטעיטס וועלכע ערלויבן דרייווערס וועלכע ווערן באשטימט צו זיין "מערסטנס" שולדיג אין אן עקסידענט צו נאכאלץ באקומען גרויסע שאדן פארגוטיגונג געלטער, אריינרעכענענדיג פאר די אויבנדערמאנטע נישט-פינאנציעלע שאדנס. דאס באדייט אז אין ניו יארק, קען אפילו די דרייווער וואס ווערט באשטומט צו זיין מערסטנס שולדיג פאר אן אקסידענט אוועקשפאצירן מיט א גרויסע סומע געלט פאר יענער אקסידענט. רוב סטעיטס האבן שכל'דיגע כללים וואס ערלויבן נאר צו באקומען פארגוטיגונג געלטער פאר נישט-פינאנציעלע שאדנס אויב דער וואס פארלאנגט דאס איז נישט בעיקר שולדיג פאר די עקסידענט. די גאווערנער זוכט צו מאכן ענדערונגען צו די סטעיט'ס געזעצן וואס וועלן באגרעניצן די פארגוטיגונג געלטער פאר נישט-פינאנציעלע שאדנס וואס א דרייווער קען ארויסבאקומען אויב זיי זענען מערסטנס שולדיג פאר אן עקסידענט, אריינברענגענדיג א געוויסע מאס פאראנטווארטליכקייט פאר ווער עס ווערט פארגוטיגט נאך אן עקסידענט.

**קלאר מאכן די אפטייטש פון ערנסטע וואונדן**

ניו יארק'ס קיין-שולד אינשורענס געזעץ טוען ערלויבן מענטשן וואס ווערן פארוואונדעט אין א קאר אקסידענט צו אריינגעבן קלאגעס פאר פארגיטיגונג וואס ציעט זיך ווייטער ווי בלויז פארגיטיגונג פאר די מעדיצינישע אויסגאבן אדער פארלוירענע געהאלט פארבינדן מיט א וואונד. די צוגעלייגטע פארגיטיגונג איז געאייגנט צו געבן שטיצע פאר די פיין און ליידן פון באטראפענע פון ערנסטע וואונדן. ניו יארק'ס לעגאלע אפטייטש פון אן 'ערנסטע וואונד' איז אומקלאר, נישט אלעמאל געניצט אויף די זעלבע וועג און קען אריינרעכענען צייטווייליגע וואונדן וואס שטערן די נארמאלע לעבן פון א מענטש נאר פאר א קורצע צייט נאכפאלגנדיג אן עקסידענט אנשטאט די מער באדייטנדע וואונדן וואס וואלטן בארעכטיגט צו באקומען גרעסערע געלטער. אן קיין יושר'דיגע און קלארע אפטייטש פון ערנסטע וואונדן, קענען מענטשן אן קיין באדייטנדע שאדן פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם צו געוואונען אסטראנאמיש-הויכע סומעס פון געריכטן אין פארבינדונג מיט די שאדנס — הייבנדיג ראטעס פאר יעדן איינעם אנדערש.

גאווערנער Hochul (האקול) וועט רעפארמירן די ערנסטע וואונד שטאפל דורכן פארשלאגן אביעקטיווע און יושר'דיגע מעדיצינישע סטאנדארטן פאר וואס טוט למעשה פאררעכנט ווערן אלס ערנסטע וואונדן. די רעפארם וועט שאפן קלארע און יושר'דיגע כללים פאר וואס ווערט פאררעכנט אלס אן ערנסטע וואונד, פארמיידן אומנויטיגע און טייערע געריכטליכע פראצעדורן און העלפן אפשטעלן מענטשן פון אויסנוצן די סיסטעם צו געוואונען געלטער וואס שטימען נישט מיט די ערנסטקייט פון זייערע וואונדן און וואס טרייבן ארויף די ראטעס פאר יעדן איינעם אנדערש.

**רעפארמירן פאראנטווארטליכקייט פאר באצאלונגען דורך מערערע שולדיגע פארטייען**

אין ניו יארק, אין פעלער מיט מער פון איין אנגעקלאגטער, קען יעדער אנגעקלאגטער געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך פאר די גאנצע סומע פון נישט-פינאנציעלע שאדנס, אפגעזעהן פון זייער חלק אין די שולד, אויב די אנדערע אנגעקלאגטע באצאלן נישט.

ניו יארק וועט זיך אנשליסן מיט 28 אנדערע סטעיטס ביים אננעמען א כלל וואס וועט טוישן די סטאנדארט פאר אנגעקלאגטע וועלכע טראגן וויניגער פון 50 פראצענט פון די שולד, כדי די

אנגעקלאגטע זאלן געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך נאר פאר די שאדן וואס זיי האבן פאראורזאכט. דאס וועט ערלויבן אינשורענס פירמעס צו ארויפלייגן נידעריגערע פּרימיום פרייזן, אזוי ווי זיי וועלן נאר דארפן באצאלן פאר שאדנס פאראורזאכט דורך די מענטשן וואס האבן פּאליסיס פון זיי.

**זיכער מאכן אז פּאליסי האלטער, נישט אינשורענס פירמעס, בענעפיטירן פון איינגעשפּארטע קאסטן**

זייט די 1970'ער, האט DFS אנגעהאלטן די איבעריגע פארדינסטן געזעץ (Excess Profit Law) אלס א קריטישע קאנסומער באשיצונג אנטקעגן קאר אינשורער וואס מאכן איבעריגע פארדינסטן אויף די ריקן פון קאנסומער. די געזעץ דינט אלס א "סורקיט ברעיקער" דורך פארלאנגען פון קאר אינשורער צו צוריקגעבן סיי וועלכע פארדינסטן וואס שטייגט איבער א געוויסע שטאפל דירעקט פאר פאליסי-האלטער. כאטש וואס קאר אינשורענס פירמעס האבן אין די לעצטע שטיק צייט נאר פארלוירן געלט, קען מען ערווארטען אז די טוישונגען צו קאר אינשורענס געזעצן ווי פארגעשלאגט פון אויבן וועלן ברענגען באדייטנדע אפעראציע שפּארונגען פאר די אינדוסטרי. אויב די רעפארמען ווערן איינגעפירט, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פאראָרדענען פאר די DFS צו איבעקוקן די איבעריגע פארדינסטן געזעץ און בעיקר די יעצטיגע שטאפל פון ווען דאס גייט אריין אין קראפט, צו פארזיכערן אז פּאליסי האלטער באקומען פריאריטעט.

**פארמערן אפנקייט פאר פּאליסי האלטער אין די קאר אינשורענס מארקעט**

צו אפט, גייען קאר אינשרונס ראטעס ארויף פאר פּאליסי האלטער אן קיין ערלערונג אדער פארבינדונג צו סיי וועלכע אידענטיפיצירבארע טויש דאס צו ערקלערן. אין א צייט פון הויכע ראטעס, זענען ניו יארקער בארעכטיגט צו פארשטיין ווען און פארוואס זייערע אינשורענס ראטעס גייען ארויף. די גאווערנער וועט פארמערן אפנקייט דורכן פארלאנגען פון אינשורענס פירמעס צו איינמעלדן פאר פּאליסי האלטער איבער ראטע ענדערונגען און ערקלערן פארוואס די ענדערונגען ווערן געמאכט.

**פארבעסערן רייץ מאסנאמען צו שטופן מענטשן צו דרייווען זיכערערהייט**

בשעת'ן זיך באשיצן אנטקעגן שלעכטע אויפפירער וועלכע טוען אויסשפילן דעם סיסטעם, זאלן אינשורענס פירמעס אויף זוכן געלעגנהייטן צו באלוינען דרייווער וועלכע פאלגן אויס די געזעצן און האלטן זיך און אנדערע פארזיכערט. גאווערנער Hochul (האקול) זוכט צו רעדוצירן אינשורענס קאסטן דורכן ארייננעמען דרייווערס אלס שותפים אין אירע באמיאונגען צו מאכן אונזערע שאסייען זיכערער, איינשפּאנענדיג טעכנעלאגיע צו רעדוצירן אינשורענס ראטעס. די גאווערנער וועט פארלאנגען פון אינשורענס פירמעס צו אפּפערן דיסקאונטס אויף אינשורענס ראטעס ווען דרייווערס שליסן זיך אן פון זייער פרייע ווילן אין פראגראמען וועלכע זענען אויפגעוויזן געווארן צו רעדוצירן אומזיכערע דרייווען און שווינדלעריי.

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן (Office for the Aging) צייטווייליגער דירעקטאר, Greg Olsen (גרעג אלסען), האט געזאגט**, "עלטערע מענטשן זענען צווישן די זיכערסטע דרייווערס. סטאטיסטיש זענען זיי פארמישט אין די וויניגסטע עקסידענטן אין פארגלייך צו אנדערע עלטערס, אבער פילע פון זיי מוטשענען זיך מיט הויכע פּרימיומס. קאר אייגנטומערשאפט און אינשורענס שוץ מאסנאמען זענען באזונדערס קריטיש פאר פילע עלטערע מענטשן צו קענען בלייבן זעלבסטשטענדיג. איך אפּלאדיר די גאווערנער פארן גיבן א לייזונג פאר די פילע זאכן וואס טרייבן ארויף קאסטן וועלכע קענען שטעלן די זעלבסטשטענדיגקייט אין געפאר, אלס טייל פון די גאווערנער'ס דרייסטע אפארדעביליטי אגענדע."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס צייטווייליגע סופּעראינטענדענט, Kaitlin Asrow (קעיטלין עסראָו), האט געזאגט**, "גאווערנער Hochul (האקול) האט פארגעשלאגן א שטארקע און ארומנעמיגע פלאן צו מאכן קאר אינשורענס מער אפאָרדעבעל, בשעת'ן היטן אויף א סטאבילע און קאנקורירנדע אינשורענס מארקעט. די DFS איז שטאלץ צו ארבעטן מיט אגענטורן אריבער

די סטעיט רעגירונג צו איינפירן די גאווערנער'ס פארשלאגן און אהערשטעלן באדייטפולע איינגעשפארטע געלט פאר ניו יארקער."

**קווינס דיסטריקט אטוירני, Melinda Katz (מעלינדא קאץ), האט געזאגט,** "אלס די דיסטריקט אטוירני פאר קווינס קאונטי, האב איך געזעהן ערשטהאנטיג די פארשפרייטקייט פון בדווקא'דיגע עקסידענטן. מיין אפיס פירט אויס איר פליכט צו אויספארשן און ברענגען קלאגעס קעגן שווינדלער וועלכע פלאנירן אויס סכנות'דיגע עקסידענטן פאר די איינציגסטע צוועק פון ארויסנעמען געלט פון אומשולדיגע דרייווערס. דאס פארשטערקערן שוץ מאסנאמען קעגן שווינדלערייען איז פונקט אזוי וויכטיג צו היטן אויף די זיכערהייט פון די פובליקום און צו פארמיידן באהאלטענע קאסטן פון ווערן ארויפגעלייגט אויף אלע געזעץ-אויספאלגנדע דרייווערס אין די פארעם פון העכערע אינשורענס ראטעס. גאווערנער Kathy Hochul'ס (קעטי האקול) פארשלאגן וועלן גיבן פאר געזעץ אינפארסירונג און רעגולאטארישע קערפערשאפטן נאך כלים צו אפשטעלן די אביוז און באשיצן דרייווערס בשעת'ן אראפנידערן קאסטן. איך באדאנק די גאווערנער פאר איר פירערשאפט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער, Julie Menin (דזשולי מענין), האט געזאגט,** "ניו יארקער קומען זיך אפאָרדעבעל קאר אינשורענס און זיי קומען זיך קלארע ענטפערס ווען זייערע פרימיומס גייען ארויף. איך באדאנק די גאווערנער פאר אירע פארשלאגן וועלכע וועלן העלפן זיך שטרענג באגיין מיט שווינדלעריי און אביוז בשעת'ן פארמערן אפנקייט כדי פאליסי האלטער זאלן פארשטיין וואס זיי באצאלן און פארוואס. אונזער סיטי קאונסיל איז איבערגעגעבן צו שטיצן די שריט וועלכע פארמערן אפנקייט און מאכן זיכער אז די סיסטעם ארבעט פאר ניו יארקער, נישט פאר מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין, Kamillah Hanks (קאמילא הענקס), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאגן נעמען באדייטפולע שריט אין ריכטונג פון מאכן קאר אינשורענס מער אפאָרדעבעל פאר ניו יארקער, באזונדערס פאר ארבעטנדע פאמיליעס אין סטעטן איילענד און אריבער ניו יארק סיטי. דורכן זיך שטרענג באגיין מיט שווינדלעריי און פארמאכן לעגאלע שפאלטן, העלפן די מאסנאמען זיכער מאכן אז ארנטליכע דרייווערס ווערן מער נישט געצווינגען צו נעמען אויף זיך די קאסטן וועלכע ווערן פאראורזאכט דורך מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם. דאס איז א פראקטישע און נויטיגע צוגאנג וואס שטעלט ניו יארקער ערשט און רוקט אונז נאענטער צו עכטע אפארדעביליטי."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Selvena N. Brooks-Powers (סעלווינע נ. ברוּקס-פאַווערס) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאגן זענען א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פון רעדוצירן אינשורענס קאסטן פאר ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך שוין סיי ווי צו באצאלן זייערע בילס. פארמערטע קאר אינשורענס אפנקייט איז קריטיש צו פארזיכערן א יושר'דיגע און גערעכטע מארקעט פאר דרייווערס אריבער די סטעיט, און עס בויט ארויף אויף די אינשורענס קאסטן רעדוקציעס פאר וועלכע איך האב געשטופט אלס פארזיצערין פון די קאמיטע אויף טראנספארטאציע און אינפראסטרוקטור (Committee on Transportation and Infrastructure) צו באשיצן מענטשן וואס דרייווען פאר באצאלונג. איך קוק ארויס צו זעהן די שוץ מאסנאמען ווערנדיג איינגעפירט צו העלפן באשיצן די געהאלטן פון שווער-ארבעטנדע ניו יארקער פון אומנויטיגע קאר אינשורענס קאסטן."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין, Elsie Encarnacion (עלסי ענקארנאַסיאָון), האט געזאגט,** "מיט די רעאליטעט פון קאסטן אויסלייידיגנדיג מענטשן'ס בערזלער, זענען ארומנעמיגע שריט צו פארלייכטערן די פינאנציעלע דרוק וואס שטייען פאר ניו יארקער וועלכע ווילן אדער דארפן דרייוון מער קריטיש פון סיי ווען בעפאר. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארשלאגן די שכל'דיגע רעפארמען צו אראפנידערן קאר אינשורענס פרייזן, און איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט

די גאווערנער אויף צוקונפטיגע באמיאונגען צו מאכן אלע פארעמעס פון טראנספארטאציע מער אפאָרדעבעל און צוגענגליך פאר ניו יארקער פון אלע איינקונפט שטאפלען."

**מאנהעטן בארא פרעזידענט, Brad Hoylman-Sigal (בּרעד האָילמאן-סיגעל), האט געזאגט**, "מאנהעטן'ס פיסגייער, ביציקליסטן און פאראנטווארטליכע דרייווערס קומען זיך געסער וועלכע זענען זיכערער און מער יושר'דיג. גאווערנער Hochul'ס (האקול) פארשלאגן אנערקענען ריכטיגערהייט אז דרייווערס וועלכע פארלעצן דעם געזעץ קומען זיך נישט צו באלוינט ווערן מיט ריזיגע סומעס וואס פירן למעשה צו קאסטן ווערנדיג געהעכערט פאר יעדן איינעם אנדערש. דורכאויס מיין צייט אין די סטעיט סענאט, האב איך געשטיצט מאסנאמען צו פארשטערקערן פאראנטווארטליכקייט און באשיצן ניו יארקער פון געפארפולע דרייווען און אינשורענס אביוז, און איך לויב אויס די גאווערנער פארן פאראויס שטופן רעפארמען וועלכע לייגן פריאריטעט אויף גאסן זיכערהייט, יושר און אפארדעבילי‏טי."

**NAACP New York State Conference עקאנאמישע אנטוויקלונג פארזיצער, Garry Johnson (גערי דזשאנסאן), האט געזאגט**, "גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאגן צו רעפארמירן ניו יארק'ס קאר אינשורענס מארקעט זענען א נויטיגע אינטערווענץ פון וועלכע ניו יארקער אריבער די סטעיט וועלן בענעפיטירן. דורכן זיך שטרענג באגיין מיט שווינדלעריי וואס בלאזט שוין פון לאנג אויף פרימיום קאסטן, טוט די גאווערנער אדרעסירן די אורזאכן וואס ליגן ביים שורש פון אונזער סטעיט'ס אפארדעבילי‏טי קריזיס. דאס זענען שכל'דיגע רעפארמען און א טריט אין די ריכטיגע ריכטונג פאר יעדן איינעם. די NAACP New York State Conference איז שטאלץ צו שטיצן די פארשלאגן."

**The Business Council of New York State, Inc. פרעזידענט און CEO, Heather Mulligan (העדער מאליגען), האט געזאגט**, "The Business Council איז דערפרייידט צו זעהן אריינגערעכנט אין גאווערנער Hochul'ס (האקול) סטעיט בודזשעט פארשלאג א רייע פון באדייטפולע אינשורענס רעפארמען צו אדרעסירן די הויפט טרייב קרעפטן פון הויכע פּרימיומס, אריינגערעכנט אינשורענס שווינדל, איבעריגע געריכטליכע פראצעדורן, פארעלטערטע לעגאלע סטאנדארטן און שפאלטן אין אינפארסירונג. די רעפארמען וועלן שטיצן זיכערערע שאסייען, מער יושר'דיגע כללים און מער אפאָרדעבעל קאר אינשורענס פאר ניו יארק'ס פאמיליעס און ארבעטסגעבער."

**Citizens Budget Commission פרעזידענט, Andrew Rein (ענדרו רעין), האט געזאגט**, "מיר לויבן אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארשלאגן שכל'דיגע קאר אינשורענס רעפארמען וועלכע קענען רעדוצירן די גאר הויכע פּרימיומס וואס ניו יארק'ס איינוואוינער און ביזנעסער באצאלן. די רעפארמען וועלן ריכטיגערהייט ברענגען ניו יארק צו זיין אין איינקלאנג מיט אנדערע סטעיטס און איינשפארן געלט פאר ניו יארקער אן צולייגן קאסטן פאר די סטעיט רעגירונג. עס איז א קלוגע אויסוואהל."

**Brooklyn Chamber of Commerce פרעזידענט און CEO, Randy Peers (רענדי פירס), האט געזאגט**, "אינשורענס ראטעס געטריבן דורך שווינדלעריי און אביוז וועלכע זענען ארויס פון קאנטראל טוהען ביישטייערן צו די אפארדעבילי‏טי קריזיס סיי פאר ביזנעסער און סיי פאר איינוואוינער אין ניו יארק סטעיט. די Brooklyn Chamber of Commerce אפלאדירט גאווערנער Hochul'ס (האקול) ארומנעמיגע צוגאנג זיך צו באנעמען מיט די ערנסטע פראבלעם וואס ווירקט אויף ניו יארק סטעיט'ס מעגליכקייט צו אנהאלטן פירמעס און ארבייטער און האלט אפ עקאנאמישע וואוקס."

**Brooklyn Chamber of Commerce וויצע פארזיצער, Gil Cygler (גיל סיגלער), האט געזאגט**, "איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן ציהען אויפמערקזאמקייט צו אינשורענס שווינדלעריי וואס איז געווען א באהאלטענע אורזאך פון שאדן פאר פריוואטע מענטשן דורכן ארויפטרייבן קאסטן נישט נאר פאר זייערע קארס, נאר אויך די קאסטן פון זייערע Uber'ס, דעליווועריס און קאר רענטעלס.

איך בין געצווינגען געווארן צו ארויסגיין פון די קאר רענטעל ביזנעס וואס האט געגעבן ארבעט פאר 100 ניו יארקער צוליב די באגרעניצטע מעגליכקייט צו באקומען אינשורענס פאר לאקאלע קאר רענטעל פירמעס צוליב די ברייט פארשפרייטע שווינדלעריי אין די 'נאָו-פאָולט' (אינשורענס אפגעזעהן פון שולד) אינדוסטריע. דאס איבערארבעטן די נאָו-פאָולט פראצעדורן מיט שכל'דיגע ענדערונגען קען איינשפארן פאר ניו יארקער טויזנטע דאלארן. מיינע לויבווערטער פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר אייער קאנצענטראציע אויף קאר אינשורענס רעפארם."

**Bronx Chamber of Commerce פרעזידענט און Lisa Sorin ,CEO (ליסא סאָרין), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאגן אנערקענען אז קאר אינשורענס אפארדעביליטי איז אן אנגעלעגנהייט וואס איז וויכטיג סיי פאר פריוואטע מענטשן און סיי פאר ביזנעס, און אז די צוויי זענען טיף פארבינדן. ווען שווינדלעריי, אביוז און אומנויטיגע געריכטליכע פראצעדורן טרייבן ארויף קאסטן, לייגט דאס ארויף א לאסט אויף פאמיליעס און ביזנעסער צוגלייך. דורכן זיך שטרענג באגיין מיט מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם און זיכער מאכן אז די איינגעשפארטע געלטער קומען אן צוריק צו פאליסי האלטער, קענען די רעפארמען האבן ווייט-גרייכנדע השפעות וועלכע פארשטערקערן ביזנעסער, סטאביליזירן פרייזן און פארלייכטערן דרוק אויף ארבעטנדע ניו יארקער. אין א צייט ווען אפארדעביליטי שוועריגקייטן שטרענגען אייבער הויזגעזינדער און די ביזנעסער וועלכע טרייבן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע, זענען די פארשלאגן א פראקטישע און נויטיגע טריט אויף פאראויס. די Bronx Chamber of Commerce שטייט מיט גאווערנער Hochul (האקול) ביים פאראויס שטופן און איינפירן די וויכטיגע ענדערונגען."

**Suffolk County Alliance of Chambers of Commerce פארזיצער, Bob Fonti (באב פאנטי), האט געזאגט,** "וואקסנדע קאר אינשורענס קאסטן וועגן אראפ אויף לאנג איילענד פאמיליעס און קליינע ביזנעסער, און גאווערנער Hochul (האקול) טוט אונטערנעמען באדייטפולע שריט דאס צו אדרעסירן. אירע פארשלאגן זיך צו שטרענג באנעמען מיט בדווקא'דיגע עקסידענטן שווינדלעריי, מאדערניזירן די סיסטעם פון אינשורענס אפגעזעהן פון שולד און פארמערן אפנקייט אין די אינשורענס אינדוסטריע זענען פראקטישע, באלאנסירטע שריט וועלכע וועלן העלפן אראפנידערן קאסטן בשעת'ן באשיצן לעגיטימע קלעימס. אפארדעביליטי איז יסודות'דיג צו עקאנאמישע וואוקס, און די רעפארמען אנערקענען אז אינשורענס קאסטן זענען נישט בלויז אן ענין פאר פריוואטע מענטשן נאר אויך פאר ביזנעס און די ארבעטסקראפט."

**New York Insurance Association, Inc. פרעזידענט, Cassandra Anderson (קאסאנדרא ענדערסאן), CAE, האט געזאגט,** "די New York Insurance Association איז דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אדרעסירן שווינדלעריי, אביוז און איבעריגע געריכטליכע פראצעדורן כדי צו מאכן קאר אינשורענס מער אפאָרדעבעל פאר ניו יארקע דרייווערס. דאס נעמען א שטארקע שטאנד קעגן שווינדלעריי און ברענגען איבעריגע געריכטליכע פראצעדורן אונטער קאנטראל זענען גאר וויכטיג צו אדרעסירן שטייגנדע קאר אינשורענס קאסטן. מיר שטייען מיט פאליסי האלטער ביים שטיצן לייזונגען וועלכע רעדוצירן שווינדלעריי און געריכטליכע פראצעדורן און מאכן זיכער אז עס איז דא א סטאבילע און שטאנדהאפטיגע אינשורענס מארקעטפלאץ. מיר שעצן די גאווערנער'ס פירערשאפט און זענען מסכים אז שריט זענען נויטיג צו באשיצן ניו יארקער."

**Coalition Against Insurance Fraud עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Michelle Rafeld (מישעל ראפעלד), האט געזאגט,** "ווען שווינדלערייען גייען אן אומקאנטראלירט, באצאלן פאליסי האלטער די פרייז דורך העכערע אינשורענס פרימיומס. גאווערנער Hochul (האקול)'ס פלאן אנערקענט אז בדווקא'דיגע עקסידענטן און ארגאניזירטע שווינדלעריי טאקטיקן ברענגען שאדן פאר פאמיליעס און ביזנעסער אריבער ניו יארק. די Coalition Against Insurance Fraud שטיצט שוין פון לאנג דאס פארשטערקערן די קלאגעס קעגן בדווקא'דיגע עקסידענטן אין ניו יארק. די Coalition אפלאדירט

גאווערנער Hochul'ס (האקול) פארשלאג צו שטופן פאר א ביל וואס ציהלט קעגן מענטשן וועלכע ארגאניזירן בדווקא'דיגע עקסידענטן. עס איז נישט נאר א קאסטן-איינשפארנדע אנטי-שווינדל מאסנאם, נאר אויך א לעבנס-ראטעווענדע באמיאונג וואס וועט באשיצן ארנטליכע דרייווערס."

**Partnership for New York City פרעזידענט און CEO, Steven Fulop (סטיווען פולאפ), האט געזאגט,** "קאר אינשורענס פרימיומס אין ניו יארק זענען, אין דורכשניט, 52 פראצענט טייערער פון די רעשט פון דאס לאנד. די שפאלט אין אפארדעביליטי איז געווען פארוואס די גאווערנער'ס רעפארמען זענען אזא וויכטיגע זיג פאר ניו יארק סיטי'ס פאמיליעס און ביזנעסער, אזוי ווי זיי טוהען זיך ענדליך באנעמען מיט די ארגאניזירטע שווינדלערייען און לעגאלע 'דריידלעך' וועלכע האבן ארויפגעלייגט אן אומיושר'דיגע לאסט אויף ארנטליכע דרייווערס פאר צו לאנג. דורכן צוזאמפארן אן אגרעסיווע אינפארסירונג קאמפיין קעגן בדווקא'דיגע עקסידענטן מיט שכל'דיגע ענדערונגען צו די כללים פון פאראנטווארטליכקייט אין פאל ווען די שולד איז צוטיילט צווישן עטליכע פארטייען און אזוי אויך די אפטייטש פון 'ערנסטע וואונדן' — ציהלט די פלאן אויף די הינזיכטן וואס ליגן ביים שורש פונעם ארויפטרייבן פרימיומס גאר הויעך אריבער די 'עמפייער סטעיט'. די דרייסטע צוגאנג וועט אראפטרייבן די קאסטן אין די פינף באראוס און צוריק ארייננלייגן געלט אין די קעשענעס פון יעדן ניו יארקער."

**Lawsuit Reform Alliance of New York עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Tom Stebbins (טאם סטעבינס), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט ביים זיכער מאכן אז אונזערע ציווילע פאראנטווארטליכקייט געזעצן ווערן נישט אויסגענוצט דורך מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם. דורכן זיך באנעמען מיט פארשפרייטע שווינדלערייען, וועלן אירע פארשלאגן העלפן מאכן אינשורענס מער אפאָרדעבעל און אונזערע שאסייען זיכערער. זיי וועלן אויך זיכער מאכן אז די סאפיסטיקירטע שווינדלער וועלכע ארגאניזירן די טאקטיקן ווערן געבערענגט צו גערעכטיגקייט און נישט נאר די שוואכערע מענטשן וועלכע ווערן רעקרוטירט אלס דרייווערס. שווינדלערײַ און אביוז פון געריכטליכע שריט זענען נישט קיינע פארברעכנס אן קורבנות. אזוי ווי אנדערע סטעיטס ווי פלארידע און דזשארדזשיע פירן איין ציווילע פאראנטווארטליכקייט רעפארמען, זעהען פאליסי האלטער עכטע איינגעשפארטע געלט. מיר אפלאדירן גאווערנער Hochul (האקול) פארן לייגן ניו יארקער ערשט און אונטערנעמען באדייטפולע שריט צו באשיצן אלע פון אונז פון די באהאלטענע קאסטן פון שווינדלערײַ."

**American Property Casualty Insurance Association Department וויצע פרעזידענט, Kristina Baldwin (קריסטינע באלדווין), האט געזאגט,** "APCIA לויבט אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן שטיין אין שפיץ ביים קעמפן פאר מאסנאמען צו אדרעסירן הינזיכטן וואס טרייבן ארויף קאסטן פאר קאר אינשורענס פרימיומס אין ניו יארק סטעיט, ארייננרעכענענדיג פארשלאגן צו באקעמפן די פארשפרייטע אינשורענס שווינדלערײַ וואס פלאגט קאר אינשורענס אין ניו יארק און אזוי אויך פארשלאגן צו שטופן פאר יושר'דיגקייט און קאר עקסידענט געריכט קלאגעס. דאס פארקלענערן די הינזיכטן וואס טרייבן ארויף קאסטן וועט העלפן אראפנידערן די אויסגאבן פון קלעימס און קאסטן פון געריכטליכע פראצעדורן וואס זענען א הויפטביישטייערער צו וואקסנדע אינשורענס פרימיומס. דורכן אדרעסירן די אנגעלעגנהייטן, קענען פאליסי האלטער למעשה בענעפיטירן פון מער סטאבילע און אפאָרדעבעל אינשורענס קאסטן, בשעת'ן זיכער מאכן אז זיי זענען באשיצן פון שווינדלערײַ און איבעריגע לעגאלע קאסטן. APCIA קוקט ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער און די לעגיסלאטור אויף די וויכטיגע אנגעלעגנהייטן."

**New York Metropolitan Trucking Association עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Patrick Hyland (פעטריק היילענד), האט געזאגט,** "די New York Metropolitan Trucking Association איז באגייסטערט ביז גאר צו זעהן גאווערנער Hochul (האקול) אדרעסירנדיג די קריטישע אנגעלעגנהייט. אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע יאר, האבן אונזערע מיטגלידער זיך געמוטשעט מיט א

מארקעטפלאץ מיט וויניגער אינשורענס פירמעס און ראטע העכערונגען וואס זענען אומאויסהאלטבאר. מיר באדאנקען די גאווערנער פארן זיך איינהערן צו אונזערע זארגן, און מיר רופן אויף די לעגיסלאטור צו איינפירן די גאר-נויטיגע רעפארמען אין די 2026 ניו יארק סטעיט בודזשעט."

**Trucking Association of New York פרעזידענט, Kendra Hems (קענדרא העמס), האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן אנערקענען אז די אינשורענס אפארדעביליטי קריזיס איז נישט א טעארעטישע אנגעלעגנהייט, נאר אן עכטע דראאונג צו דזשאבס, זיכערהייט און עקאנאמישע סטאביליטעט. איר פירערשאפט ביים אדרעסירן די וואקסנדע אינשורענס און געריכטליכע פראצעדורן קאסטן, און אזוי אויך שווינדלעריי, שפיגלט אפ קריטישע שריט אין ריכטונג פון האלטן ניו יארק'ס ביזנעסער אויפן שאסיי, פאליצעס אנגעפילט און אונזער ארבעטסקראפט ביים ארבעט."

**National Insurance Crime Bureau אפיס פון סטראטעגיע, פאליסי און רעגירונג אנגעלעגנהייטן (Office of Strategy, Policy, and Government Affairs) דירעקטאר, Howard Handler (האווערד הענדלער), MPPA, האט געזאגט,** "אינשורענס שווינדלעריי איז נישט א פארברעך אן קורבנות. פאר צו לאנג האבן שווינדלער אויסגענוצט ניו יארקע פאליסי האלטער און דזשאב-שאפנדע ביזנעסער – דורך בדווקא'דיגע עקסידענטן און אנדערע טאקטיקן – און די ווירקונגען זענען נישט נאר געווען געהעכערטע קאסטן פאר יעדן איינעם נאר אויך שטעלן א סכנה צו דאס לעבן און געזונט פון די וועלכע ווערן ארייגעשלעפט אין די טאקטיקן. די National Insurance Crime Bureau אפלאדירט גאווערנער Hochul's (האקול) פארפליכטונג צו באקעמפן שווינדלערישע קלעימס און קאסטליכע לעגאלע סיסטעם אביוז, און זי מוטיגט ניו יארקע געזעצגעבער צו אונטערנעמען שריט יעצט."

**Volunteers of America-Greater New York פרעזידענט און CEO, Dr. Jeffrey R. Ginsburg (דר. דזשעפרי ר. גינסבורג), האט געזאגט,** "נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס אריבער ניו יארק זענען צוגעוואוינט צו טוהן מער מיט וויניגער מיטלען, אבער מיר האבן געזעהן קאר אינשורענס ראטעס וואקסנדיג מיט אזויפיל ווי 50 פראצענט אין לעצטערע יארן אן א העכערונג אין פינאנצירונג וואס זאל זיך רעכענען דערמיט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט ביים אדרעסירן אפארדעביליטי פאר אלע ניו יארקער און פארן זיך נעמען צו די אורזאכן וואס ליגן ביים שורש פון וואקסנדע קאר אינשורענס ראטעס מיטן פולן קראפט. די פארשלאגן וועלן ערלויבן פאר נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס ווי VOA-GNY צו נוצן אונזערע מיטלען פאר אונזער הויפט מיסיע: צושטעלן האוזינג, געזונטהייט און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג סערוויסעס פאר ניו יארקער וועלכע גייען אריבער ארימקייט."

**Suffolk Transportation Service פרעזידענט און CEO, John Corrado (דזשאן קאראַדאָו), האט געזאגט,** "יעדע דאלאר וואס מיר שפארן זיך איין אויף קאר אינשורענס קען אונז העלפן צושטעלן בעסערע סערוויס, איינשפארן געלט פאר שטייער-באצאלנדע בירגער און שטיצן אונזערע באס דרייווערס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אנערקענען אז ניו יארקער דארפן נישט צו באצאלן די לאנד'ס העכסטע קאר אינשורענס ראטעס און פארן האבן די קוראזש צו נעמען אויף זיך די קאמף."

**The Business Council of Westchester עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט און COO, John Ravitz (דזשאן רעוויץ), האט געזאגט,** "BCW שטיצט די גאווערנער'ס פארשלאג צו אראפנידערן אינשורענס קאסטן, ספעציפיש מיטן זיך שטרענג באנעמען מיט שווינדלעריי און מענטשן וואס פרובירן צו אויסשפילן די סיסטעם כדי צו אראפנידערן אינשורענס ראטעס דורכן פונדאסניי אויפלעבן די סטעיט'ס קאר גניבה און אינשורענס שווינדל פארמיידונג באורד, גיבנדיג איר די אויטאריטעט צו קענען

פארשטערקערן אירע באמיאונגען צו אגרעסיוועריהייט אויספארשן און ברענגען קלאגעס פאר אינשורענס שווינדל אריבער די סטעיט."

**Orange County Partnership פרעזידענט און CEO, Conor Eckert (קאנאר עקערט), האט געזאגט,** "הויכע קאר אינשורענס קאסטן שטרענגען אן הויזגעזונד בודזשעטס און העכערן די קאסטן פון טוהן ביזנעס אריבער ניו יארק, און באמיאונגען צו פארמינערן שווינדלעריי און פארמערן אפנקייט זענען וויכטיגע שריט אין ריכטונג פון א מער אפאָרדעבעל און קאנקורירנדע אטמאספערע. מיר באדאנקען די גאווערנער פאר איר קאנצענטראציע אויף די אנגעלעגנהייטן און זייערע ווירקונגען אויף ניו יארק'ס ביזנעסער און ארבעטסקראפט."

**Nonprofit Westchester עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Jan Fisher (דזשען פישער), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו קעמפן פאר אפארדעביליטי און איר אגענדע וואס אדרעסירט די אומאויסהאלטבארע פינאנציעלע לאסט אויף ניו יארקער. זי נעמט אונטער קריטישע שריט אין ריכטונג פון פארלייכטערן פינאנציעלע לאסטן."

**LI Main Street Alliance און Vision Long Island דירעקטאר, Eric Alexander (עריק אלעקסאנדער), האט געזאגט,** "די הויכע קאסטן פון קאר אינשורענס פאר איינוואוינער און ביזנעס אייגנטימער זענען ארויפגעקומען איינמאל און נאכאמאל אלס א פראבלעם אזוי ווי מיר פרובירן צו קאנטראלירן אויסגאבן. מיינע לויבווערטער פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן ארויסלייגן א פארשלאג צו אראפברענגען די שווערע וואג פון די קאסטן און זיין אין איינשטימונג מיט אנדערע סטעיטס."

**הויפט גייסטליכער ביי New Hope Christian Fellowship און קאמיוניטי אקטיוויסט, בישאפ Orlando Findlayter (ארלענדאָו פינדלעיטער), האט געזאגט,** "אין א צייט ווען טאג-טעגליכע קאסטן וואקסן, טוט גאווערנער Hochul (האקול)'ס קאנצענטראציע אויף דאס רעדוצירן קאר אינשורענס פרימיומס ארויסווייזן עכטע פירערשאפט. דאס מאכן אינשורענס מער אפאָרדעבעל איז א נויטיגע טריט אין ריכטונג פון עקאנאמישע פארלייכטערונג פאר ניו יארקע פאמיליעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן